# ״לבד ראה זה מצאתי,
# אשר עשה האלקים את האדם ישר,
# והמה בקשו חשבונות רבים״

## *שלמה המלך - קהלת ז׳ כ״ט*

ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו.
מוצאי שבת קודש לסדר **״ארדה נא ואראה הכצעקתה הבאה אלי״,**
**ת**הא **ש**נת **ע**מו **א**נכי בצרה אחלצהו ואכבדהו.
לכבוד ר׳ יונה שליט״א:

מיט א צובראכענע הארץ פול מיט טיפע צער און אנטוישונג שרייב איך די בריוו. איך בין זייער א פאר־נומענע מענטש און איך האב ב״ה גענוג וויכטיגע זאכען מיט וואס צו פארברענגען מיין צייט, זייענדיג א טאטע פון קינדער, אזוי ווי אנדערע אידן אין מיין עלטער. איך צווינג מיר אבער צו שרייבען די בריוו, ווי איך מוז ארויס ברענגען מיינע שטארקע טענות און באשולדיגונג בנוגע די מצב הכללי פון פרנסה ביי אחינו בני ישראל. איך בעט אייך איר זאלט מיר מוחל זיין אויב רעדט איך מיט א שפראך וואס זעהט אויס צו זיין צו שארף אדער איבערגעטריבען, ווייל איך זאג וואס חנה האט געזאגט צו עלי הכהן: ***״לא אדוני, אשה קשת רוח אנכי, ויין ושכר לא שתיתי, ואשפוך את נפשי לפני ה׳, אל תתן את אמתך לפני בת בליעל, כי מרוב שיחי וכעסי דברתי עד הנה״.*** איך הער אלעמאל ווי איר רעדט וועגן די פראבלעם פון ״עפארדעבעל האוזינג״ ביי אונז היימישע אידן, און אז קיינער איז נישט גרייט ארויסצוגיין וואוינען אין אן אנדערע געגענט, וכדומה פארשידענע פינאנציעלע פראבלעמען וואס מיר האבן. ס׳איז מיר אבער א חידוש נפלא אז קיינער באריהרט נישט אונזער עיקר פראבלעם וואס דאס איז די יסוד פון אלע אונזערע פראבלעמען. מיר האבן עפעס א מאדנע צוגאנג צו דעם גאנצע ענין פון פרנסה בכלל ווי איך וועל באלד מסביר זיין, וואס זייט אדם הראשון האט געגעסען פון דעם עץ הדעת ביז מיר זענען אנגעקומען קיין אמעריקא פאר 60 יאהר צוריק האט אזא מין הנהגה נישט עקזיסטירט אויף די וועלט. צו וועמען האב איך טענות און וועמען טוה איך באשולדיגען? די תירוץ איז: **איך באשולדיג אונזערע מוסדות החינוך און מוסדות התורה!**

אודאי וועט איר פרעגן: אויב האט איר געוויסע טענות צו אונזערע מוסדות, וואס ווילט איר פון ר׳ יונה קאהן? גיי צו די מוסדות און לייג פאר אייערע טענות! די תירוץ איז, אזוי ווי איר וועט ווייטער זעהן אז ס׳איז א שאד יעדער ווארט. צו וועמען איך רעד נאר וועגן דעם ענין, געבען זיי זיך א שמייכעל אונטער און זאגען: ״פארפאלן. מ׳קען נישט טוישען די סיסטעם״. איך זיך א איד וואס קען מיר געבן צו פארשטיין פארוואס איך בין נישט גערעכט מיט מיינע טענות. איך האב א שטארקע רצון **נישט** צו זיין גערעכט, ווייל די ענין לאזט מיר נישט במנוחה. איך וויל דערגייין די גרויסע ״סוד״ וואס יעדער ווייסט, נאר איך טיפש - קען דאס בשום אופן נישט פארשטיין. אויב קענט איר מיר נישט ענטפערן, בעט איך איר זאלט מיר זאגן ווער קען יא, ווייל **נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי!**

איך וועל פרובירען קלאר צו מאכען וואס דרוקט מיר אזוי אויפ׳ן הארץ. איך ווייס אז אייערע צייט איז אויך טייער, אבער כדי ווי בעסער ארויסברענגען מיינע געפילען מוז איך בהכרח אביסל מאריך זיין

לצורך ולביאור הענין. איך וויל מקדים זיין די באקאנטע ווערטער פון רבינו עובדי' מברטנורא ווי ער איז מסביר די ערשטע משנה אין פרקי אבות. פארוואס הייבט מען אן פונקט די מסכתא פון אבות מיט די ווערטער "משה קבל תורה מסיני"? לכאורה וואלט די מסורה פון משה קבל תורה מסיני געדארפט זיין א הקדמה צו מס' ברכות, פאר ש"ס הייבט זיך בכלל אן, צו וויסען ווי די מקור פון די תורה הקדושה איז. איז ער מסביר אז וויבאלד מס' אבות רעדט זיך בעיקר וועגן הנהגות ישרות וויאזוי א מענטש זאל זיך פירן מיט'ן טאג טעגליכען לעבן, נישט הלכות פון איסור והיתר אזוי ווי די איבעריגע חלק פון ש"ס, און א מענטש קען זאגן אז א משנה ווי ס'שטייט למשל "הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות", פארשטייט אויך א גוי להבדיל אז דאס איז א ארנטליכע הנהגה און ער טוט אויך אזוי, וועט א מענטש זאגן אז דאס איז לאו דוקא אן ענין של תורה, נאר אן ענין פון מענטשהייט, קומט די משנה מאכן א הקדמה אז אלע ענינים וואס ווערן געברענגט אין אבות, איז פונקט אזוי מסיני אזוי ווי ברכות, פאה, דמאי וכו'.

יעצט צוקומענדיג צום ענין: ווען א איד לערנט די תורה הקדושה, און וויל וויסען וואס איז דער דעת התורה בנוגע די הנהגה פון א מענטש וועגן פרנסה, דארף ער נישט זוכן ערגעץ א פארווארפענע ראשון אדער אחרון, צו בספרי קבלה, צו בספרי תלמידי בעש"ט הק', וכדומה, צו וויסען וואס א מענטש האט צו טוען בנוגע פרנסה. ביז פאר עטליכע יאהר צוריק, האב איך געמיינט אזוי ווי אסאך אנדערע, אז דער ערשטע מקור אין דער תורה וואס ווייזט א מענטש וואס צו טוען בנוגע פרנסה, איז דער שער הבטחון אין חובות הלבבות. ווען איך האב אנגעהויבען צו לערנען, האב איך איינגעזעהן אז דער חובות הלבבות איז נישט דער ערשטער ספר וואס א איד דארף צו לערנען בנוגע דעם ענין, נאר דער **לעצטער**, נאכדעם ווי ער האט שוין געזעהן וואס תורה, נביאים, כתובים, משנה, גמרא, און זוהר, האבן צו זאגן וועגען דעם, **און ער האט געפאלגט דאס וואס שטייט דארט**, דעמאלס קומט אריין דער שער הבטחון, **און נישט פריער**. דעם ענין איז אזוי קלאר ארויסגעשריבען אין דער תורה מיט אזא מין פשטות און מיט אזא אריכות, אז איך ווייס נישט אויב ס'איז שייך מער קלאר דאס ארויסצוברענגען. מיין שטארקע טענה און געשריי איז: פארוואס האט מען דעם ענין אלעמאל אונז אוועקגעשטעלט, כאילו דאס איז עפעס א פארנעפעלטע, אומקלארע, ענין פון "כבשי דרחמנא", וואס א מענטש פארשטייט באמת נישט וואס זיין צוגאנג זאל זיין ביי דעם? איך וועל מסביר זיין:

**דער תורה זאגט** אין פרקי אבות פ"ב מ"ב: ***"רבן גמליאל בנו של ר' יהודה הנשיא אומר: יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון, וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה וגוררת עון".*** יעצט, איך בין שטארק באקאנט מיט די אלע פשעטלעך און ווערטעלעך וואס מ'זאגט בנוגע די משנה. אבער איך מיין אז א מענטש האט א רעכט צו לערנען די משנה פונקט ווי ער לערנט די משנה "מאימתי קורין את שמע בערבית", דהיינו בפשטות - פשוטו כמשמעו, ווייל אזוי זענען מפרש אלע ראשונים מפרשי המשנה בלי יוצא מן הכלל. איך וועל מעתיק זיין די ווערטער פון ר"ע מברטנורא, און *פירושים זענען איבעריג:* ***"כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה, לפי שאי אפשר לו בלא מזונות, ומלסטם את הבריות, ומשכח תלמודו".*** און אזוי זענען מפרש בפשטות רש"י און דער רמב"ם און אלע *מפרשים. איך וויל אבער צולייגען צו דעם די ווערטער פון רבינו יונה:* ***"וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה, כענין שאמרו אם אין קמח אין תורה, הענין כמשמעו, כשיתבטל ממלאכה, מביאתו אל העוני, וגוררת כמה עונות, ורעתה רבה, כי מפניה יאהב מתנות ולא יחי', ויחניף בני אדם אף אם הם רשעים כדי שיתנו לו, גם אם יתם הכסף מהמתנות, יהי' גנב או קוביוסטוס ויביא גזלות העני לביתו לבל ימות ברעב, ובהגיע אדם אל המדות האלה, אין מעצר לרוחו, ולא ינוח ולא ישקוט עד יעבור על כל המצות האמורות בתורה כי עבירה גוררת עבירה, ועל זה אמרז"ל כל הנהנה מיגיעו עליו הכתוב אומר יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, ועל כן צריך לחכם שידע מלאכה כענין שנאמר טובה חכמה עם נחלה".***

אזוי ווי איך האב געזאגט פריער: פירושים זענען איבעריג. די אויבענדערמאנטע ווערטער זענען אזוי פשוט און קלאר פאר יעדער תם און שאינו יודע לשאול, כשמש בצהרים. איך וויל נאר מער ארויסברענגען דעם ענין וואס דער רבינו יונה ענדיגט צו: "צריך לחכם שידע מלאכה".

**דער תורה זאגט** אין מס' קידושין דף כ"ט ע"א: ***"תנו רבנן, האב חייב בבנו למולו, ולפדותו, וללמדו תורה, ולהשיאו אשה, וללמדו אומנות, וי"א אף להשיטו במים, רבי יהודה אומר כל שאינו מלמד את בנו אומנות מלמדו ליסטות".*** איך געדענק ווען איך בין נאך געווען א קליין אינגעל אין קעמפ, פלעגן די קינדער איבערזאגען דער גמרא אז א טאטע דארף אויסלערנען די קינדער שווימען. דער ענין פון שווימען וואס איז א "יש אומרים" אין דער גמרא, איז כמובן אין היינטיגע צייטען נישט די נחיצות וואס איז געווען אמאליגע צייטען. אבער ווי אינטערעסאנט איז דאס, אז דער ענין פון "לימוד אומנות" וואס די גמרא שטעלט אוועק אלס דער זעלבע חיוב ווי ברית מילה, פדיון הבן, לימוד התורה, חתונה מאכן, איז מחמת איזה "טעם כמוס" - לא יזכר ולא יפקד! דאס אז דער טאטע זאל משתדל זיין אז דער זוהן זאל האבן אן אומנות אדער ביזנעס פון ווי ער וועט זיך קענען מתפרנס זיין בכבוד **אזוי ווי דער תורה פארל-אנגט** - דאס איז דאך אפגערעדט אז דאס ווערט אנגעקוקט ביי אונז אלץ א "מאדערן-ארטאדאקס" צוגאנג צו לעבן. אבער אפילו אז דאס קינד זאל פון זיך אליין משתדל זיין אין דעם, איז אויך ארא-פגעקוקט כאילו דאס איז עפעס אן עצה "בדיעבד, בשעת הדחק גדול, אויב מ'האט נישט קיין אנדערע עצה". איי, פון ווי וועט מען לעבן? אויף דעם איז געוועגליך די תירוץ: וואס הייסט? די רעגירונג גיט דאך פוד סטמפס! איי, איז דאך שווער, הניחא עסן, אבער עסן איז דאך נישט די איינציגסטע הוצאה אין לעבן? אויף די קשיא וועט מען געוועגליך הערן ווי מענטשען זענען מחזק מיט'ן ענין פון "בטחון", אז "דער באשעפער וועט העלפען". אבער דער אמת איז אז דאס איז קרומע בטחון. מ'שטעלט אוועק די בטחון בכלל נישט אויפ'ן ריכטיגען ארט, און אנשטאט "בעלי בטחון" ווערט מען שוטים! ווער זאגט אזוי? נאכא-מאל - **דער תורה זאגט אזוי!** לאמיר זעהן וואס **דער תורה זאגט** וועגן די כלומר'שטע "בעלי בטחון":

**דער תורה זאגט** אין מס' סוטה דף מ"ד ע"א: ***"תנו רבנן, אשר בנה, אשר נטע, אשר ארש, לימדה תורה דרך ארץ שיבנה אדם בית ויטע כרם, ואח"כ ישא אשה, ואף שלמה אמר בחכמתו: הכן בחוץ מלאכתך ועתדה בשדה לך אחר ובנית ביתך, הכן בחוץ מלאכתך זה בית, ועתדה בשדה לך זה כרם, אחר ובנית ביתך זו אשה".*** ע"כ לשון הגמרא. אבער וואס איז הפלא ופלא איז די גאר מורא'דיגע שארפע לשונות וואס די זוהר הקדוש זאגט אויף די גמרא. איך בין באמת נייגעריג וויפיל מענטשען ווייסען פון דעם זוהר. דאס איז אין דער חלק הזוהר וואס ווערט אנגערופען "זוהר חדש" און אויך מיט'ן נאמען "מדרש הנעלם". דאס קען מען געפונען אין פ' בראשית, און איך וועל מעתיק זיין לשונו הגם ס'איז א שטיקעל אריכות, ווייל איך וויל שטארק ארויסברענגען אז דאס איז וואס **דער תורה זאגט**, און נישט נאר וואס "פאול קרוגמאן" זאגט:

***"ר' יוחנן פתח: בחכמה יבנה בית, שלשה דברים צריך אדם לעשות בדרכי העולם ואלו הן: לבנות בית מושבו, וליטע כרם להתפרנס בו, ואח"כ לקחת לו אשה ולהוליד בנים לפרנסם בהם, <u>ולא כדרך השוטים הלוקחים אשה בתחלה, ואחר כך נוטעים כרם, ואח"כ בונים בית</u>, כי הא דא"ר סימון כל הלוקח לו אשה ואין לו בתחלה במה שיוכל לפרנסה, הרי זה חפשי מן המצות כמתים הנקראים חפשים שנא' במתים חפשי, ולמה נקרא חפשי, לפי שהוא חפשי מן המצות מפני שלא יוכל להשתדל בעבודת בוראו אלא בעבודת אשתו, <u>ר' יהודה אומר כאלו לוקח ע"ז לעצמו</u>, דא"ר יהודה בתחלה היו החכמים והחסידים לוקחין אשה ולא הי' להם די פרנסתם, וממיתים עצמם ברעב ובצמא, ומניחים כל חיי העוה"ז ועוסקים בתורה ובמצות ובעבודת בוראם, אבל בזמן הזה שהעולם טרוד אחר הפרנסה, צריך לכונן בית בתחלה ולזמן מזונותיו ואח"כ לקחת אשה, ויכול לעבוד בוראו ולעסוק בתורה כי הא דאמרו רז"ל אם אין קמח אין תורה, וא"ר יהודה מאחר שהאדם נושא אשה, אז נקרא עבד ה' מפני***

***שלבו פנוי מלהסתכל בעבירה ובנשים ומלתור אחר לבבו ועיניו כד"א ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וגו', לפיכך צריך אדם להשתדל לכונן בית בראש ולעשות ישוב בבית, וממי אתה למד? מהקב"ה! קודם בנה בית וכוננו וזימן כל הפרנסה והמזונות קודם שיבא אדם לעולם. האיך? ברא את העולם בראש שהוא הבית. וזימן כל הפרנסה היאך? ברא את הבהמות ואת החיות ואת העופות והדגים הצמחים והאילנות שהם זימון כל הפרנסה. לאחר שהכין הבית והפרנסה, הביא את האדם וברא אותו ואת אשתו והולידו בנים ועשו ישוב בבית, ועל כן נאמר "בראשית" - "בית-ראש", כאשר תבין באותיות תמצא בי"ת ראש, וכן התחילה התורה "בראשית" כלומ' "בית ראשית" והכל ענין אחד, ועכ"ז צריך האדם להשתדל בדרך ארץ ולעשות עתים לתורה ולהיות עמלו בשני הדרכים האלו מפני שיגיעת שניהם משכחת עון. ושמא יאמר אדם: "הריני בן אבות העולם, ממשפחה גדולה, איני ראוי לעשות מלאכה ולא להתבזות", אמור לו: "שוטה! כבר קדמך יוצרך! שנאמר בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, והוא עשה מלאכה קודם שבאת לעולם! ומנ"ל? שנאמר מכל מלאכתו אשר ברא אלקים לעשות, קרא אותה מלאכה, וכן וישבות ביום השביעי מכל מלאכתו אשר עשה.***
עיי"ש עוד באריכות גדול סוף דבריו.

יעצט, נאך זעהן אזעלכע שארפע לשונות פון חז"ל בנוגע דעם ענין, וועל איך מיר מורה היתר זיין ארויס־צוזאגען אפען אלעס וואס דרוקט מיר אויפ'ן הארץ, און דער וואס האלט אז איך האב איבער געצויגען דעם שטריקעל מיט מיינע טענות, זאל שטעלן זיינע טענות פאר די אויבען דערמאנטע הייליגע תנאים - נישט צו מיר - ווייל אין אנדערע ווערטער זאג איך נאר איבער זייער דבריהם הקדושים. איך קען בשום אופן נישט פארשטיין פארוואס אונזערע מוסדות טוען נישט פאר אונז און אונזערע קינדער דאס וואס זייער עיקר תפקיד איז. דאס הייסט: **אונז צוגרייטען און אונז אוועקשטעלן צו זיין ערליכע אידן פאר'ן גאנצען לעבן.** איך וועל מסכים זיין אז א בחור האט נישט עפעס אנדערש צו טוען נאר עוסק זיין בתורה, אבער עכ"פ אויף נאך די חתונה האט מען אונז אויסגעלערנט איין זאך: א פאר סעיפים אין יורה דעה חלק ב', ותו לא, מער נישט. איי, מהיכן ירק זה חי? פון ווי דארף מען צו לעבן? איינער וואס פרעגט אזא קשיא, קוקט מען אים אן מיט אפאר ווילדע אויגען כלומר: "דאס איז יעצט דיין דאגה? ראשית, ווי איז דיין בטחון אין דער גרויסע באשעפער וואס האט אראפ גענידערט מן פאר די אידן אין מדבר? און חוץ דעם איז דאך דא פוד סטעמפס און סעקשאן עיט און וועלפעיר! יעצט זיץ אין כולל פאר צוויי, דריי, פיר, פינעף יאהר לכה"פ, ווייל דאס איז דער דרך התורה!" אזוי בערך גייט אונזער סיסטעם.

כולי עלמא מודה, אז א געוויסע פראצענט פון מענטשען וואס באמת נפשם חשקם בתורה, דארפען טאקע זיצן און לערנען א גאנץ לעבן, און מיר זענען מחויב זיי אויסצוהאלטען, און בכלל מוז דאך זיין מורה הוראות און רבנים ביי אידן. אין דעם איז קיין שום שאלה נישט. אבער עס איז קלאר אז די זענען די יוצא מן הכלל, נישט דער כלל כולו. און עס זענען אויך דא יחידים דא און דארט וואס זענען באמת גרייט צו לעבן חיי דוחק זיי מיט זייער משפחות אשרי להם ואשרי חלקם. יעדער ווייסט ביי זיך אליין אויב ער איז איינער פון די יחידים. אבער דאס זענען נאכאמאל נישט מער ווי **יחידים.** איך רעד יעצט דייקא וועגן רוב מענטשען. פאר רוב מענטשען **איז זייער גשמיות - זייער רוחניות.** אין אנדערע ווערטער: פאר רוב מענטשען ווען ס'איז נישט דא פרנסה כראוי, גייט שוין דער שלום בית לטמיון, מיט דער תורה ועבודה לטמיון וכו' וכו'. פרנסה איז נישט קיין זייטיגע פראבלעם אזוי ווי א פוס ווייטאג וואס טוט וויי, אבער דער לעבן פארט ווייטער. **אן פרנסה פארט גארנישט.** איך קוק אריין אין די כתובה און איך זעה די ווערטער וואס איך האב מיר מחייב געווען: "ואנא אפרנס יתיכי ליכי כהלכות גוברין יהודאין דמפרנסין לנשיהון בקושטא". אפילו אויב איינער קען דורך קומען מיט פוד סטעמפס, סעקשאן עיט, און וועלפעיר, וואלט איך געוואלט וויסען, אויב דאס הייסט טאקע "בקושטא"?...

איך וויל צולייגען דער זאך, און מסביר זיין, מיט וואס פאר א סתירות מ'טוט אונז מחנך זיין. מ'לערנט מיט אונז אין ישיבה בבא קמא, בבא מציעא, און בבא בתרא, און מ'איז מקיים "ללמוד וללמד", **אבער נישט "לשמור ולעשות".** מ'איז אונז מחנך אויף לימוד התורה, **אבער נישט אויף שמירת התורה.** מ'טוט אונז אויסלערנען אז א איד דארף מחשיב זיין תורה און זיצען און לערנען ווי מער מעגליך. ווען ס'איז שוין דא מערערע קינדער, און די געוואלדיגע פרייז פון שכר לימוד הייבט אן צו דערגיין די יאהרען, מוז די פרוי בלית ברירה זוכען ארבעט ערגעץ וואו, הגם מ'רעדט דאך צו אונז כסדר וועגען די סכנה פון פרויען וואס גייען ארבעטען. און דאס איז טאקע אמת, און זייער פשוט, אז א פרוי האט נישט וואס צו גיין אר־בעטן. די תפקיד פון א פרוי איז צו זיין א מאמע פאר די קינדער, און זי האט נישט וואס צו זוכען אין א אפיס, אבער מ'מוז דאך צאלן די שכר לימוד. פארוואס דארף מען צאלן שכר לימוד? כדי די מלמדים זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער ווי עס דארף צו זיין. פון ווי מוז די געלט קומען? פון די געלט וואס די פרוי פארדינט אויף אן אופן וואס איז בכלל נישט אויסגעהאלטען ע"פ תורה! און פון ווי קומט די איבעריגע הכנסה וואס די שטוב דארף צו האבן? אודאי פון די באקאנטע אויבענדערמאנטע רעגירונג פראגראמען וואס אין אונזער קרומע סיסטעם הייסט דאס "הונדערט פראצענט כשר פארדינט געלט". און ווען די הוצאות הייבן אן צו וואקסען און מ'ווערט א בעל חוב אן קיין שום וועג בדרך הטבע דאס צוריק צו צאלן, און דאס איז **לכתחילה** די חשבון וויאזוי מ'גייט לעבן, אפילו אויב דער מאן זיצט באמת און לערנט תורה, וואס האט מען למעשה פארדינט דורך די לימוד התורה?! די זעלבע תורה וואס האט מחייב געווען לימוד התורה, האט אויך מחייב געווען משתדל זיין כדרך כל הארץ נישט צו זיין א בעל חוב, און דאס איז אודאי נישט דורך די חשבון פון טוישען די תפקיד פון א פרוי פון אן עקרת הבית, צו א בעלת פרנסה, און אויך נישט דורך גנב'ענען יעדער רעגירונג פראגראם וואס עקזיסטירט נאר אויף די וועלט. נאר אודאי אז מ'לערנט אויס אז בבא קמא, בבא מציעא, און בבא בתרא זענען נאר געמאכט צו לערנען און נישט אויף מקיים זיין, אודאי איז דער ענין פון גניבה, גזילה, שקר, א געלעכטער אזוי ווי חז"ל זאגן. נו וואס דען? מ'האט דען א ברירה? מ'מוז דאך לעבן.

נאכדעם קומען די אזוי גערופענע "בעלי אחריות" וואס טענ'ען אז מ'דארף זיך איינצוימען און נישט פארשווענדען געלט אויף איבעריגע זאכען. ס'איז דא ווייניג זאכען וואס טוען מיר מאכען מער הויכע "בלאד־פרעשור" ווי אט דער טענה. מ'דארף זיך איינצוימען?! איינצוימען וואס?! מ'איז אונז מחייב צו וו־אוינען אין א היימישע געגענט צווישען היימישע אידן ווי די רענט אדער מארגעדזש פאר א דירה מיט קינדער איז אין די געגנט פון $2,000 א חודש בערך. מ'איז אונז אויך מחייב צו האבן ווי מער קינדער אזוי ווי דער תורה טאקע פארלאנגט, און שכר לימוד נאר פאר פינעף, זעקס קינדער, איז שוין בערך $20,000 א יאהר. מ'האלט שוין ביי א חשבון פון $44,000 נאר פאר דירה געלט מיט שכר לימוד אליין. וויפיל איז אן "עווערעדזש אינקאם" פאר א איד פון 40 יאהר אלט מיט א שטוב מיט קינדער ביי אונז היימישע אידן, $50,000 א יאהר? $60,000 א יאהר? נישט צופיל מער. איך האב נישט אריינגערעכנעט קיין שום אנדערע הוצאה חוץ דירה געלט מיט שכר לימוד. אז מ'רעכענט אריין עלעקטריק, געז, טעלעפאן ־ $10,000 א יאהר בערך, עסן ־ בערך $5,000, קליידער ־ בערך $5,000, זומער פאר די קינדער ־ בערך $5,000, פסח, שבועות, סוכות, חנוכה, פורים ־ בערך $10,000, וכו' וכו' וכו', הוצאות וואס איך קען אפילו נישט טראכטען פון אויף די מינוט. נאר פון די עטליכע הוצאות וואס איך דערמאן זיך יעצט, האלט מען שוין ביי א חשבון פון איבער $80,000. און אלע אנדערע איבעריגע נחיצות'דיגע שאר ירקות וואס קומען צו פון דער זייט, האלט מען שוין נאנט צו $100,000. וועלכע פון די דערמאנטע הוצאות זענען איבעריג אז מ'דארף זיי שניידען?! איך רעכן נישט אריין פארן אין די קאנטרי אין די זומער, און אודאי נישט קיין וועיקעישאן בכלל, און אודאי און אודאי נישט די אומגלויבליכע הוצאות פון חתונה מאכען די קינדער, **און נאכדעם זיי דארפען פינאנציעל אויסהאלטען למחצה לשליש ולרביע ביז זיי אליין האבן איינ־יקלעך, ווייל לא סגי בלאו הכי!** (ס'איז מיר איינגעפאלען אז אפשר דארף מען לערנען פשט אין דער

משנה "כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה", אל תקרי "עמה" מיט אן ע״ן, נאר "אמה" מיט אן אל״ף, דהיינו אויב די מאמע וועט נישט ארבעטן אויסצוהאלטען די קינדער, וועלן טאקע די קינדער׳ס תורה בטל ווערן...) די ישיבות פארלאנגען שכר לימוד?! פארוואס האבן זיי אונז נישט אויסגעלערנט **וואס שטייט אין תורת ה׳** אז מ׳דארף פארדינען געלט **אויף אן ערנסטען אופן** כדי צו קענען אויפהאלטען תורה, פונקט אזוי ווי זיי האבן אונז אויסגעלערנט וואס די ארבעה אבות נזיקין זענען?! דער גמרא ברענגט אז יש אומרים ס׳איז דא 4 אבות נזיקין, יש אומרים 13, יש אומרים 24 וכו׳. **אונזערע מוסדות האבן ארויסגעגעבען טויזענטער "אבות נזיקין" פשוטו כמשמעו! - "טאטעס וואס זענען געשעדיגט" אויפ׳ן גאנץ לעבן!!! זיי הייסען אונז לעבן "מיט א חשבון" - ווען זיי אליין טוען צושפארען יעדען פתח וואס זאל נאר זיין מעגליך במציאות צו לעבן טאקע מיט א חשבון?!?!!!**

אסאך מענטשען טענ׳ען צו מיר: "דו ווייסט וויפיל מענטשען האבן זיך געלערנט א פאך, און למעשה האבן זיי נישט מצליח געווען?" לאמיר זעהן וואס **דער תורה** ענטפערט אויף די טענה:

**דער תורה זאגט** אין מס׳ קדושין דף פ״ב ע״א: ***"רבי מאיר אומר: לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקי׳ וקלה, ויתפלל למי שהעושר והנכסים שלו, שאין אומנות שאין בה עניות ועשירות, שלא עניות מן האומנות, ולא עשירות מן האומנות, אלא הכל לפי זכותו".*** די טענה איז אזוי ווי איינער וואס זאגט: "דו ווייסט וויפיל קראנקע מענטשען זענען געגאנגען צו א דאקטאר, און ער האט זיי נישט געקענט היילען.". אודאי ווייס איך אויך פון דעם פסוק "כי לא יחדל אביון מקרב הארץ", און איך קען פרעזענליך מענטשען וואס האבן זיך געלערנט אן ערנסטע אומנות, און למעשה איז גארנישט געווארען דערפון, און מיר דארפען זיי ארויסהעלפן ווי ווייט מעגליך. אבער איז דאס דער כלל אדער דער יוצא מן הכלל? למעשה איז די וועלט פול מיט מענטשען וואס האבן זיך געלערנט אן ערנסטע אומנות און האבן מצליח געווען אזוי ווי די דרך הטבע איז. יעדער דארף טוען זיין תפקיד, און ערשט דערנאך קומט דער שער הבטחון פון חובות הלבבות, וה׳ הטוב בעיניו יעשה. און ווען איך רעד וועגען אומנות, מיין איך נישט אזוי ווי די סיסטעם איז ביי אונז אז פופציג פראצענט ווערן מלמדים, און די אנדערע פופציג פראצענט ווערן באס דרייווערס. מ׳רעדט וועגן זיך מפרנס זיין דורך א פאך ווי מ׳קען ע״פ דרך הטבע בריוח דעקן עכ״פ די טאג טעגליכע הוצאות. איך האב אמאל גערעדט מיט א איד - גראדע א חשובע איד א מורה הוראה - וועגן די שוועריגקייט פון חתונה מאכן די קינדער. האט ער מיר געזאגט: "זארג נישט, למעשה מענטשען העלפן ארויס און געבן אסאך צדקה". האב איך אים צוריק געפרעגט: "וואס הייסט דאס אז מענטשען העלפן ארויס?! איך וויל דען אז מענטשען זאלן מיר ארויס העלפן?! איך וויל דען מקבל זיין צדקה?! איז דאס צופיל צו פארלאנגען אז איך זאל מיר קענען אליין מפרנס זיין בדרך כבוד בעזרת ה׳ יתברך?! אמאל איז טאקע געווען א ארימע וועלט און ס׳איז זייער אפט בכלל נישט געווען קיין מעגליכקייט זיך מפרנס זיין. אבער היינטיגע צייטען - אפילו מיט די "גרעיט-ריסעשאן" צוזאמען - זענען די מעגליכקייטען דא, אבער מ׳זאגט אונז: ניין! זיץ אין כולל ווען די האלטס אפילו נישטביים לערנען, און ווער א מלמד ווען דו טויגסט בכלל נישט צו דעם, ביז די לעצטע פרוטה גייט אויס, כדי אז מ׳זאל קענען טיילען נאכאמאל צעטליך אין די בתי מדרשים אז פלוני אלמוני האט פלוצלינג געכאפט א הארץ אטאקע ביי די יונגע עלטער פון 45 יאהר, און נעבעך איבערגעלאזט א אלמנה מיט זיבן קינדער! אט דאס וויל מען אונז פארקויפען איז דער רצון הבורא! ס׳איז א חוצפה שאין כמוהו!

אסאך אנדערע טענ׳ען צו מיר: "די גאס איז שרעקליך, מ׳קען נישט ארויסגיין אין דער וועלט ארבעטן, די נסיונות זענען זייער גרויס". לאמיר ווייטער קוקען וואס ענטפערט **דער תורה** אויף די טענה:

**דער תורה זאגט** אין די אויבענדערמאנטע משנה, קדושין דף פ"ב ע"ב: ***"כל שעסקיו עם הנשים לא יתיחד עם הנשים".*** לכאורה אויב די טענה איז ריכטיג, פארוואס זאגט נישט דער משנה: "כל שעסקיו עם הנשים, ילך ויחפש עסק אחר". די תירוץ איז, ווייל די טענה איז אזוי ווי איינער וואס האלט אז מ'דארף פארשפארן אלע בתי מדרשים, ווייל מ'רעדט דארט אסאך לשון הרע. דאס איז א קרומע שיקול הדעת. אויב רעדט מען לשון הרע אין די בתי מדרשים, דארף מען זעהן צו טוען וואס מ'קען אז דאס זאל זיך אויפהערן, אבער דאס איז נישט קיין סיבה צו פארשפארן די בתי מדרשים. מיט די זייטיגע פראבלעם פון לשון הרע דארף מען זיך אן עצה געבן, און די בתי מדרשים בלייבן ווייטער אפן. אודאי איז א מענטש מחויב צו טוען וואס ער קען נאר כדי צו ארבעטן אזא אומנות און אויף אזא פלאץ ווי ער וועט נישט זיין אויסגעשטעלט צו נסיונות, און זיך גודר זיין מיט גדרים וסייגים ווי ווייט מעגליך. אין דעם איז קיין פראגע נישט. און די משנה זאגט טאקע גלייך דערנאך: ***"ולא ילמד אדם את בנו אומנות הנשים".*** אבער דער רבונו של עולם האט אונז נישט אראפגעברענגט אויף די וועלט ווי גאנץ כלל ישראל זאל וואוינען אין "שיכון סקווירא" פאר די גאנצע זיבעציג יאהר, און קיינמאל נישט האבן קיין פארקער מיט די וועלט. די וועלט איז בעל כרחך א עולם הנסיון ווי יעדער איינער מוז זיך קענען א עצה געבן מיט דעם, איינער מער און איינער ווייניגער אזוי ווי די השגחה פירט צו. צו זאגן אז איינער וואס האט צו טוען מיט די אינ־דרויסענדיגער וועלט מחמת פרנסה, אז דאס הייסט זיך אריינגעלייגט אין נסיונות בידים, איז שטותים והבלים, און מופרך מעיקרא, ואין ספק מוציא מידי ודאי, ווייל אויב וועט ער בכלל נישט האבען אן ער־נסטע אומנות, וועט ער האבן נאך גרעסערע נסיונות, **ווייל דער עניות וועט אים מעביר זיין על דעתו ועל דעת קונו, און ער וועט אפלעבן א לעבן פון גניבה וגזילה, און דער שלום בית וועט אים צושטערט ווערן, אפילו אויב ער וועט זיצען און לערנען!** איז ממילא ווי וועט ער אנקומען מיט זיין כלומר'שטע "מסירות נפש", און וועמען האט ער געטוען א טובה מיט זיין "מסירות נפש"?!

**דער תורה זאגט** אין דער משנה ווייטער: ***"רבי נהוראי אומר: מניח אני כל אומנות שבעולם, ואיני מלמד את בני אלא תורה, שאדם אוכל משכרה בעולם הזה, והקרן קיימת לו לעולם הבא, ושאר כל אומנות אינן כן, כשאדם בא לידי חולי או לידי זקנה או לידי יסורין ואינו יכול לעסוק במלאכתו, הרי הוא מת ברעב, אבל התורה אינה כן, אלא משמרתו מכל רע בנערותו, ונותנת לו אחרית ותקוה בזקנותו".*** נו! ־ קען איינער קומען מיט א טענה ־ לכאורה איז דער ענין עכ"פ א מחלוקת, ווייל עכ"פ ר' נהוראי האלט אז מ'דארף יא איבערלאזען אלע אומנות שבעולם און נאר עוסק זיין בתורה! אויף דעם קומט דער מהרש"א און זאגט: **ניין!** איך וועל מעתיק זיין לשונו הקדוש, און דער וואס האלט אז ער איז ביכולת צו זיין א בעל פלוגתא פונעם מהרש"א זאל מיר לאזן וויסען...: ***"דודאי בלי אומנות כלל, לא יסמוך אדם על תפלתו להתעשר כדאמרינן בפ"ק שחייב כל אב ללמד בנו אומנות, וליכא מאן דפליג, ושנינו ג"כ באבות כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה, אלא דקאמר שאל יחשוב אדם דבמלאכה כבדה יתפרנס, ותהי' מלאכתו קבע ותורתו עראי, אלא יעסוק במלאכה נקי' וקלה שיוכל לעשות תורתו קבע ומלאכתו עראי כדאמרינן במסכת ברכות, ויתפלל למי שהעושר שלו שיוכל להתעשר גם ממלאכה קלה ועראי, שהרי ראינו שאין אומנות שאין בה עניות ועשירות, ויכול להתעשר ממלאכה קלה ועראי כמו מכבדה שהיא קבע, והכל לפי הזכות ממש כמ"ש פירושו בחידושי הלכות ע"ש,*** (און אודאי דארף א מענטש משתדל זיין און זעהן אז זיין תורה זאל זיין אן ענין של קבע און נישט אן ענין של עראי, וואס קען נאר צושטאנד קומען אויב מ'האט אן ערנסטע אומנות פון ווי זיך מפרנס צו זיין, און לאו דוקא אז דאס האט אלעמאל צו טוהן מיט די פאקט צו מ'לייגט אריין מער שעות צום לערנען ווי צו די ארבעט, כידוע מספה"ק, נאר צו ער האט א חשק ורצון והשתוקקות צו די תורה מער ווי צו די ארבעט, און אודאי אז מ'דארף אריינלייגען ווי מער שעות צו לימוד התורה אויף ווי ווייט מעגליך, ואכמ"ל) ***ור' נהוראי דקאמר נמי לקמן מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה, ודאי דלא פליג, וצריך כל אדם ללמוד אומנות, אלא דה"ק, מניח אני הקביעות של כל האומנות, ואני מלמדו תורה בקבע, ואומנות עראי, וז"ש דהאומנות אינו עומד לאדם אלא בילדותו שאז הוא בכחו לקבוע לו***

***אומנות כבדה, אבל כשבא לידי זקנה או חולי, אינו יכול לעשות מלאכה כ"כ כדי פרנסתו, אבל התורה אינו כן דע"י התורה, המלאכה נקי' וקלה שיכול לעשות גם בימי זקנה מתברכת לו, וזה וזה נתקיים בידו כהך דחסידים הראשונים בברכות".*** ער רעדט וועגן די באקאנטע גמ' אין ברכות דף ל"ה ע"ב: ***"תנו רבנן, ואספת דגנך, מה ת"ל? לפי שנא' לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, יכול דברים ככתבן? ת"ל ואספת דגנך, הנהג בהן מנהג דרך ארץ, דברי ר' ישמעאל, ר"ש בן יוחי אומר, אפשר אדם חורש בשעת חרישה, וזורע בשעת זריעה, וקוצר בשעת קצירה, ודש בשעת דישה, וזורה בשעת הרוח, תורה מה תהא עלי'? אלא בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, מלאכתן נעשית ע"י אחרים שנא' ועמדו זרים ורעו צאנכם, וגו', ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום, מלאכתן נעשית ע"י עצמן, שנא' ואספת דגנך, ולא עוד אלא שמלאכת אחרים נעשית על ידן שנא' ועבדת את אויביך וגו', אמר אביי הרבה עשו כר' ישמעאל ועלתה בידן, כר' שמעון בר יוחי ולא עלתה בידן".*** זאגט דארט דער מהרש"א אויפ'ן פלאץ: ***"אין לכל אדם לסמוך על זה לומר שאיני עושה מלאכה כלל לפי שמלאכתי נעשית ע"י אחרים שצדיק גמור אני, דשמא הוא טועה ואינו צדיק גמור, וז"ש הרבה עשו כרבי ישמעאל ועלתה בידן, דרוב עולם אינן צדיקים גמורים, והרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידן, לפי שרובם אינם צדיקים גמורים כרשב"י, וכמו ששנינו יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה".*** איך דארף נאך עפעס צולייגן צו זיינע ווערטער?...

מ'הערט כסדר ווי מ'שרייעט בקול רעש גדול וואס פאר א חורבן די פארשאלטענע אינטערנעט מאכט פון אידישע שטובער, און דאס איז טאקע אמת במלא מובן המלה. איך קען אליין שטובער וואס זענען גענצליך חרוב געווארען דורך דעם. **איך קען אבער פיל מער אידישע שטובער וואס זענען חרוב געווארען מחמת אונזער קרומע סיסטעם פון לעבן אויף פאלשע "בטחון".** מ'זאגט בנוגע די אינטערנעט אז לאו דוקא יעדער וואס ווערט פארכאפט מיט דעם, שניידט זיך אפ די פאות און טוט אויס די קאפל. נאר מ'קען ווייטער בלייבען מיט די ווייסע זאקן, אבער אינערוועינדיג ווערט איינגאנצען פארברענט. אט דאס קען מען זאגן בנוגע פרנסה. עס דרייען זיך ארום אן א שיעור אידן, וואס קען אויסזעהן פון אינדרויסען אז ער איז כאחד האדם, אבער באמת דרייען זיי זיך ארום אזוי ווי די כפרות נאך די שחיטה. צווישען די פרעשור פון די ווייב, מיט די לענדלארד, מיט די ישיבות, איז שוין נישט דא נישט קיין תורה און נישט קיין עבודה! נישט קיין גשמיות און נישט קיין רוחניות! נישט דער וועלט און נישט יענער וועלט! איך זאג וואס רבא האט געזאגט פאר די חכמים אין מס' יומא דף ע"ב ע"ב: ***"במטותא מנייכו! לא תירתון תרתי גיהנם!"*** איז רש"י מפרש: ***"להיות יגעים ועמלים בתורה בעולם הזה ולא תקיימוה, ותירשו גיהנם במותכם, ובחייכם לא נהניתם בעולמכם!"*** דאס איז וואס געשעהט צו אונז במלא מובן המלה! מיר זענען נישט דא אויף דער וועלט צו לערנען תורה - **מיר זענען דא אויף דער וועלט צו טוען דער רצון ה'!** אויב איז יעצט זיין רצון לימוד התורה - דארף מען לערנען, אויב איז יעצט זיין רצון צו צינדען חנוכה לעכט - דארף מען צינדען חנוכה לעכט, און אויב איז יעצט זיין רצון מפרנס צו זיין אשה ובנים - דארף מען מפרנס זיין אשה ובנים! ס'איז נישט דא קיין שום רב אדער גדול בתורה אין היינטיגען דור וואס קומט נאנט צו די חשקת התורה, און חביבות התורה, און באמת פארשטיין די געוואלדיגע מעלה פון א עוסק בתורה אזוי ווי די אויבענדערמאנטע תנאים ר' יוחנן און ר' יהודה. און אויב זיי האלטען אז איינער וואס האט חתונה אן קיין שום חשבון ווי אזוי ער וועט זיך מפרנס זיין, **איז א שוטה און אזוי ווי אן עובד ע"ז,** קען קיינער זיך נישט דינגען מיט דעם! און גארנישט פון דעם ענין האט זיך געטוישט היינט ווי פאר צוויי טויזענט יאהר צוריק!

איך וועל שוין נישט רעדן פון דער פאקט אז גאר א גרויסע פראצענט פון די וואס זיצען אין כולל, האלטען גארנישט ביים לערנען, וואס דאס איז א דאפעלטע עולה, ווי מ'נעמט די צייט בידים און מ'ווארט עס אין גארבעדזש. א איינגערמאן האט מיר לעצטענס געזאגט אז ער לערנט תורה מער צייט יעצט ווען

ער ארבעט דורך זיין קביעות עתים לתורה, ווי ווען ער איז געזעצען אין כולל! און דאס איז אמת ביי אסאך מענטשען! און די חשבון איז זייער פשוט. איינער וואס איז געצוואונגען צו לערנען, האט די תורה ביי אים נישט קיין חשיבות. איינער וואס מוז אוועקגנב'ענען צייט צו לערנען, באקומט די תורה אויטא־מאטיש א חשיבות.

וואס פאר א רעכט האבן אונזערע ישיבות און מוסדות אונז אריינצוואורפען אין לעבן אריין, אזוי ווי אויפ'ן וואסער, ווען די ענין פון פרנסה פארנעמט בכלל נישט קיין ראלע?! איך זאג נישט אז די בחורים דארפען צומאכען די גמרא און גיין זיך לערנען עפעס אן ארבעט. אבער עכ"פ פונקט ווי מ'פארשטייט די נחיצות פון לערנען מיט א חתן לכה"פ די יסודות פון הלכות נדה, און אן דעם קען ער קיין איד נישט זיין, פונקט אזוי דארף מען אים אויסלערנען **אז פרנסה איז א הכרח אין לעבן, און אן דעם קען מען קיין מענטש נישט זיין.** ס'איז אמת אזוי ווי איר זאגט: "סיי צו איר האנדעלט מיט ראזשינקעס, סיי צו איר האנדעלט מיט מאנדלען, תורה איז די בעסטע סחורה". **אבער אן ראזשינקעס און מאנדלען, איז נישט דא קיין תורה, און אויב ס'איז יא דא תורה, איז עס דורך גניבה ושקר, און דער רבונו של עולם זאגט: מי בקש זאת מידכם?!** אויב די ישיבות קענען אליין אוועקשטעלן אזעלכע מוסדות וואס לערנען אויס ערנסטע אומנות נאך די חתונה על טהרת הקודש, מה טוב ומה נעים, און אויב נישט, דארף יעדער טוען וואס די הכרח פאדערט. נישט אריינגיין אין לעבן אריין מיט דער חשבון אז דער פרוי וועט ארבעטן ביז זי וועט האבן צעהן קינדער און כאפען א נערוועז בראך! ניין! דאס איז נישט דער דעת התורה! אין דער תורה שטייט זייער קלאר אז דער תפקיד פון דער **מאן** איז צו ברענגען פרנסה, און דער תפקיד פון דער **פרוי** איז צו זיין אינדערהיים און אויפציען א אידישע שטוב. דאס אז א פרוי גייט ארבעטן מחמת הכרח, דארף זיין די יוצא מן הכלל ־ נישט דער אלוועלטליכער סיסטעם! ־ בפרט אז ווי אויבען דערמאנט, די עצם פאקט אז א פרוי גייט ארבעטן איז בכלל נישט אויסגעהאלטען ע"פ תורה, און קען גורם זיין אסאך צרות סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, ואין כאן המקום להאריך!

און אז מ'רעדט שוין וועגען די תפקיד פון א אידישע פרוי, וויל איך ארויפברענגען נאך א גאר שטוינענדע פאקט, וואס טוט נאכאמאל ארויסברענגען אין וואס פאר א דור תהפוכות מיר לעבן אין. הגם איך האב טענות בנוגע די מוסדות וואס זענען מחנך אונזערע אינגעלייט, אבער עכ"פ כולי עלמא מודה אז אינגעלעך, בחורים, און אינגעלייט מוזען עוסק זיין בתורה ווי ווייט מעגליך, כל אחד לפום שיעורא דילי'. דאס איז נישט נאר מחמת מ'דארף פשוט וויסען וויאזוי צו זיין א איד, און אז מ'לערנט נישט הלכות שבת, וועט מען נישט וויסען וויאזוי צו זיין א שומר שבת, וכדומה, נאר אויך מחמת מיר זענען מצווה אויפ'ן עצם לימוד התורה. דאס הייסט אז מיר זענען מחויב צו לערנען הלכות תרומות ומעשרות, הגם ס'איז נישט אזוי נוגע פאר אונז למעשה, נאר פאר דעם ווייל דאס איז א חלק פון דער תורה הקדושה, און א מענטש דארף משתדל זיין צו קענען די תורה, סיי אויב דאס איז נוגע הלכה למעשה אדער נישט, און ס'איז נישט שייך צו זאגן אויף קיין שום חלק אין די תורה, אז דאס איז נישט וויכטיג צו לערנען.

אנדערש איז אבער ביי מיידלעך און פרויען. זיי האבן נישט קיין חיוב פון לימוד התורה ווי א מאן. נישט נאר זיי האבן נישט קיין חיוב, נאר חז"ל זאגן אז דאס איז גאר אן איסור כאילו מלמדה תיפלות. די ביסל תורה וואס זיי דארפען לערנען איז דייקא נאר די הלכות וענינים וואס איז יא נוגע צו זיי הלכה למעשה אזוי ווי הלכות שבת, חלה, נדה, וכדומה, אבער מער פון דעם טאר מען גארנישט לערנען מיט זיי. חז"ל זאגען אונז אז לערנען תורה מער ווי זיי דארפען, וועט פאר זיי זיין א קלקול, נישט קיין תיקון.

אבער שוין יאהרן וואס איך שריי און איך וויין צו די גרויסע מנהלות און מחנכות ווי מיינע טעכטער לערנען און איך פרעג זיי: "איך בעט ענק, זייטס מיר מסביר: מיין טאכטער קומט אהיים, און איך דארף

איר העלפען מיט איר "עבודת הבית". איך פרעג מיין טאכטער: וואס איז דיין עבודת הבית? ענטפער: זי דארף קענען די רש"י'ס פון אנהייב פרשת חקת, ווי רש"י איז מסביר ווי אזוי מ'האט געמאכט הזאת שלישי ושביעי ביי די אפר פון דעם פרה אדומה. איך קוק זי אן, און איך ווייס נישט צו איך זאל לאכען אדער וויינען. פארוואס דארף זי דאס קענען? דעם נעקסטען טאג קומט זי אהיים מיט א מאפע פון ארץ ישראל. היינט דארף זי קענען ווייזען אויפ'ן מאפע ווי עס געפונט זיך ים המלח, ים כנרת, ירושלים, טבריי, וכו'. דעם נעקסטען טאג קומט זי אהיים און איך דארף זי פארהערן לשון הקודש, ווייל זי דארף גוט קענען לשון הקודש. פרעג איך פון די מנהלת: ווען איינער וויל ווערן א לאיער, גייט ער אין "לאו סקול", און ווען איינער וויל ווערן א דאקטאר גייט ער אין "מעדיקעל סקול". יעצט, פארוואס שיקען אונז אונזערע טעכטער אין סקול? וואס ווילן מיר מאכען פון זיי? תלמידי חכמים? לומדים? בקיאים? מיר שיקען אונזערע טעכטער אין סקול כדי זיי צוגרייטען צו זיין ערליכע אידישע מאמעס פאר אונזערע קינדער! יעצט וויל איך וויסען: אפילו אז איך וועל שוין מסכים זיין אז מצד הדין איז נישט דא קיין איסור צו לערנען מיט זיי די לימודים, ווייל איך אבער וויסען: אין צוואנציג יאהר ארום ווען מיין טאכטער וועט מאכען א קוגעל לכבוד שבת, וויאזוי וועט איר צונוץ קומען אט די ידיעות פון רש"י אין פרשת חקת? ווען מיין טאכטער וועט וואשען די וועש פון אירע קינדער, וויאזוי וועט איר צונוץ קומען די גבולים פון ארץ ישראל? און אויב איר האלט אז עכ"פ אין די ערשטע יאהרן נאך די חתונה איז דאס די פליכט פון א פרוי צו גיין אר־בעטן כדי די מאן זאל זיצען און לערנען, פארוואס דארף זי קענען לשון הקודש? ס'איז פיל וויכטיגער צו לערנען מיט זיי לימודי חול וואס וועט זי צונוץ קומען שפעטער אויב זי וועט דארפען העלפען מיט פרנסה? די טענה וואס איך הער פון מענטשען אז מ'דארף לערנען מיט זיי די לימודי קודש כדי אנפילען די צייט, איז הבל הבלים! ראשית, איז די תורה גענוג גרויס אז זיי זאלן לערנען ענינים וואס איז טאקע נוגע צו זיי, ווי אמונה, שבת, חלה, בשר בחלב, מליחה, וכו' וכו', אבער חוץ דעם איז טאקע **פאר זיי א לימוד קדוש** צו לערנען ענינים של הנהגת הבית ווי באקן, קאכן, נייען, וכו' וכו', און אפילו פארשידענע אנדערע ענינים וואס ווערן אנגערופען לימודי חול, **ווייל דאס איז זייער תפקיד**, פונקט ווי א ישראל האט נישט וואס צו טוען די עבודה פון א כהן ווייל דאס איז נישט זיין תפקיד, און א כהן האט נישט וואס צו טוען די עבודה פון א לוי ווייל דאס איז נישט זיין תפקיד, **הוא הדין האט נישט א פרוי צו לערנען די לימודים פון א מאן ווייל דאס איז נישט איר תפקיד! פארוואס פארברענגט מען זיי די צייט מיט שטותים והבלים! די זעלבע תורה וואס איז פאר אינגלעך און מענער די וויכטיגסטע ידיעה אין לעבן, איז פאר די מיידלעך און פרויען שטותים והבלים און אסאך מאל שעדליך!** אודאי בין איך מסכים אז זי דארף קענען יסודות הדת אזוי ווי בראשית, נח, לך לך, זי דארף וויסען פון בריאת העולם, זי דארף וויסען פון אברהם יצחק ויעקב, משה רבינו, וכדומה, אבער הלכות פרה אדומה???!!!! ווער האט אוועק געשטעלט אזא מין כלומר'שטע "חינוך הבנות"?! איר מיינט איך האב באקומען א תירוץ אויף מיין טענה? א נעכטיגע טאג! זי איז געבליבען מיט די מויל אפען, אזוי ווי אלע אנדערע אזוי גערופענע "מחנכות" וואס טוען נאר נאך וואס "יענער" טוט אן קיין שום הגיון און אן קיין שום הבנה!

אויך לערנט מען אויס די מיידלעך אין סקול די גרויסע חשיבות פון תורה, און די גרויסקייט פון מסירות נפש פאר תורה, און אודאי דארף מען דאס אויסלערנען בלתי שום ספק. אבער כמעט קיינער איז נישט גרייט צו לעבן ווי ר' חנינא בן דוסא. מ'רעדט שוין נישט וועגען א קב חרובין מערב שבת לערב שבת. פרובירט נאר איינצופירען אין דער היים אז מ'קויפט מער נישט קיין "עפעל־דזשוס" צו טרינקען, און מ'וועט נאר טרונקען וואסער, מחמת מסירות נפש פאר לימוד התורה. וואס פאר א אומאנגענעמהייטען דאס וועט גורם זיין אין שטוב. וויפיל פון די אזוי גערופענע מנהלות און מחנכות זענען מסכים אליין צו לעבן מיט דעם מסירות נפש?! וואס האקען זיי א טשייניק וועגן מסירות נפש פאר תורה?!

איך וויל מסיים זיין מיט'ן ענין מעין הפתיחה, דהיינו דער ענין פון "האוזינג", וואס איר רעדט וועגן. אפילו די גוים להבדיל ווילען וואוינען בעסער אין די גרויסע שטעט אזוי ווי ניו יארק סיטי, מחמת דעם ווייל ס'איז דא אסאך מער "דזשאב אפארטוניטי", ווי אין די קלענערע שטעט. אבער פאר אונז איז די מצב פיל פיל שווערער. נישט נאר פאר דעם ווייל מ'מוז וואוינען גענוג נאנט צו די מאמע צו קענען ברענגען די שבת טשאלענט אזוי ווי איר זאגט. נאר פאר דעם ווייל מיר זענען זייער מצומצם אין וועלכע פרנסה עוסק צו זיין, בפרט אויב מ'גייט ארויס פון אונזער היימישע געגענט. מיר זענען נישט צוגעגרייט צו לעבן פאר זיך אליין אין די וועלט. איך גלייב אז מיר וואלטען געווען פיל מער "פלעקסיבעל" בנוגע אונזערע דירות, און זיך קלויבען "עפארדעבעל האוזינג" ארויס פון אונזערע היימישע געגענטען, ווען מיר וואלטען געהאט אן ערנסטע מעגליכקייט צו מאכען א "דיסענט אינקאם", נישט אז מיר זאלן זיין מצומצם צו קענען זיין אדער א מלמד, אדער באס דרייווער, אדער ארבעטן אין "בי ענד עיטש פאוטו". איך שפיר אז מיר זענען געבונדען צו די היימישע געגענטען נישט נאר מחמת די מאמע'ס טשאלענט, נאר מיר זענען **פינאנציעל** געבונדען צו די היימישע געגענטען.

איך האף אז איר האט ארויס וואס איך וויל. איך האב מן הסתם ארויסגעלאזט אסאך וויכטיגע פרטים בנוגע דעם ענין, אבער איך מוז מסיים זיין. חם לבי בקרבי, בהגיגי תבער אש, דברתי בלשוני. איך בעט אייך נאכאמאל ברחמים: איך שרייב נישט ווייל איך האב נישט וואס צו טוען מיט די צייט. איך וויל באמת א תירוץ מספיק אויף מיינע טענות ווייל תורה הוא וללמוד אני צריך. איך וועל מיר נישט בארוהיגען מיט קיין וויש פון די נאז "אז אלע טוען אזוי". איך פארלאנג א תירוץ מספיק וואס וועט זיין מיוסד **אויף וואס שטייט אין דער תורה** און נישט אויף פרעזענליכע געפילען אדער באבע-מעשיות וואס מ'וועט דערציילען אז דער האט אזוי געטוען, און יענער האט אזוי געטוען וכו' וכו' וכו'. איך בין נישט מסכים אוועקצוגיין מזה העולם און בלייבען שולדיג חובות פאר א האלבע וועלט - וואס וועט בהכרח מוזען געשעהן - און דערנאך וועט מען צוריקשיקען מיין נשמה אויף דער פארשאלטענע וועלט אפצוצאלן מיינע חובות, ווי איך וועל נאכאמאל דורכגיין אונזער כלומר'שטע "דרך התורה סיסטעם". און נאר נאכדעם ווי איך וועל הערן **דברי אמת** פארוואס מיינע טענות זענען נישט ריכטיג, און פארוואס מיר דארפען יא ווי-יטער אנהאלטען מיט אונזער לעבן שטייגער, דעמאלס **זה ינחמנו ממעשינו ומעצבון ידינו מן האדמה אשר ארה ה'.** איך רעד דא וועגן די עתיד פון אונזער גוף ונפש, די עתיד פון אונזערע קינדער, און אלע קינדער פון כלל ישראל. לא על עצמי בלבד אני מתפלל אלא על עצמי ועל כל עמך בית ישראל. כל טוב.

ועל זה באתי על החתימה,<br>
ליל ששי לסדר ***"אם ישך נא מצליח דרכי אשר אנכי הולך עלי"***, תשע"א לפ"ק<br>
ל. י.<br>
ברוקלין, ניו יארק